בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר



# באריכט:

## רייכער שבע ברכות לכבוד די שמחה בבית הרבני הנגיד הטפסר מוה"ר מאיר זעליג ריספלער הי"ו צוגעשטעלט דורך הנהלת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג

גאהר א רייכער און אייגענטארטיגער שבע ברכות איז נעכטן – זונטאג נאכמיטאג אהערגעשטעלט געווארן דורך הנהלת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג לכבוד די שמחה פון די חתונה פונעם עלסטן אייניקל פון הרבני הנגיד הטפסר המרומם מוה"ר מאיר זעליג ריספלער הי"ו – פטרון בנין בית רחל בנין ריספלער אין וויליאמסבורג, החתן בן בנו הרבני הנגיד מוה"ר אפרים פישל הי"ו, עב"ג בת מוה"ר משה יוסף מיטעלמאן הי"ו מחשובי חברי קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג.

דער רייכער שבע ברכות איז געפראוועט געווארן דייקא אינעם אכסניא של תורה אינעם בנין פון די בית רחל – בנין ריספלער אויף סענפארד סט. ווי עס זענען געלאדענט געווארן די ידידי וקרובי המשפחה, נגידים ונדבנים בעם, ובראשם האט מפאר געווען כ"ק מרן רבינו שליט"א נשיא המוסדות.

צו די באשטימטע צייט זענען די גערופענע געסט אנגעקומען צו די רייך געדעקטע טישן אינעם אודיטוריום פונעם בנין, ווי די געסט און באטייליגטע זענען אפגעווארט געווארן דורך חבר הנהלת מוסדותינו הק', און זענען מכובד געווארן זיך צו וואשן צו די עלעגאנטע סעודה.

אנגעפירט מיט'ן מעמד האט מוה"ר משה אהרן האפפמאן הי"ו יו"ר וועד הפועל פון די מוסדות, וועלכער האט במתק לשונו אריינגעפירט די באטייליגטע אינעם פראגראם. און דאן האט דער יו"ר אויסגערופן דעם נואם הכבוד הרה"ג אב"ד הומנא שליט"א וועלכער האט עלקטריזירט דעם ציבור מיט זיין אינהאלטסרייכער דרשה לכבוד המאורע.

דערביי האבן זיך באטייליגט פארשידענע ראשי הקהלה ומנהלי המוסדות פון איבער גרעיטער ניו יארק, וועלכע זענען זיך געקומען מיטפרייען מיט די שמחה אין שטוב פונעם חשוב'ן בעל שמחה הטפסר מוה"ר מאיר זעליג הי"ו, ווי אויך האט באשיינט די שמחה הגה"צ דער וויליאמסבורגער רב שליט"א.

דאן האט מען געהאט די זכי' צו ענטפאנגען מרן רבינו שליט"א וועלכער איז זיך פערזענליך געקומען

באטייליגן ביי דעם ספעציעלן שבע ברכות, און משמיע געווען דברות קודש צו דעי געלעגנהייט.

דערנאך האט די הנהלת המוסדות אונטערגעשריבן א שטר מיט'ן פטרון הבנין – דער בעל שמחה הי"ו, אויף וועלכן דער רבי שליט"א האט געגעבן חתי"ק.

ביי דעם געלגנהייט האט די הנהלת המוסדות געשאנקען פאר ר' מאיר זעליג הי"ו א הערליכער זילבערנע מנורה מיט א טאץ אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דעם אויסקוק פונעם בנין האדיר וועלכע ער האט מנדב געווען.

דאן האט אויפגעטרעטן דער בעל שמחה מיט א טרעפליכער דרשה לכבוד די שמחה במעונו, און דערנאך האט מרן רבינו שליט"א געוואונטשן לחיים פאר'ן חתן, מחותנים, און זיידע'ס שיחיו לאוי"ט.

נאך ווי דער רבי שליט"א האט פארלאזט די מסיבה האט החזן ר' יעקב לעממער הי"ו מהנה געווען מיט פרקי חזנות לכבוד די שמחה, און דערנאך האט מען זיך משמח געווען בשמחת חתן פאר א לענגערע צייט. מיט ברכהמ"ז איז מכובד געווארן דער זיידע פון חתן הרבני מוה"ר מאיר זעליג הי"ו, און די שבע ברכות איז צוטיילט געווארן צווישן די זיידע'ס און ראשי הקהלה שיחיו, צווישן זיי: הרה"ח ר' יצחק ראזענבערג הי"ו, הרה"ח ר' חיים הלוי העללער הי"ו, דער מחותן אבי החתן ר' פישל הי"ו, און הגה"צ ר' יואל שליט"א בן מרן רבינו שליט"א רב ביהמ"ד בית ברוך בקרית יואל ווי דער בעל שמחה איז א שטענדיגער מתפלל.

נאך לענגערע ריקודין האט זיך דער ציבור צושיידט מיט ווארימע ברכות פאר'ן חושב'ן בעל שמחה אז עוד ינובון בשיבה דשנים, און אינאיינעם מיט זיין ב"ב שתחיו זאלן זיי זוכה זיין צו זעהן און שעפן פיהל נחת פון די אייניקלעך ווייטער געזונטערהייט, און ווייטער קענען אויפטוהן גדולות ונצורות מתוך הרחבת הדעת.

## בקודש פנימה

ביינאכט בעת דער רבי שליט"א האט געזעגענט אנשי שלומינו אין וויליאמסבורג, זענען די הנהלת "אירגון שיעורי תורה" וועלכע זענען מזכה רבבות אלפי ישראל פון איבער אלע געגענטער מיט שיעורי תורה צו יעדער צייט, געקומען צו מרן רבינו שליט"א מקבל צו זיין ברכת קדשו.

אויך איז הרה"ג ר' ישראל צבי ברוידא שליט"א רב דק' שערי אורה אריין אל הקודש פנימה לברך ולהתברך לקראת דאס ניי יאהר הבעל"ט.

שפעט אויפדערנאכט איז דער רבי שליט"א אנגעקומען אויף בארא פארק ווי דער רבי שליט"א האט זיך באטייליגט ביים שמחת השבע ברכות בחצה"ק מונקאטש אין די זאלן פון עטרת חי' וועלכע'ס איז געפראוועט געווארן אינאיינעם מיט די סעודת מצוה לגומרה של תורה צו די ספר תורה וואס איז אריינגעגעבן געווארן אין מונקאטשער ביהמ"ד הגדול אין בארא פארק דורך הרבני הנגיד המרומם מוה"ר וואלף זיכערמאן הי"ו.

## תושבי קרית יואל מקדש שם שמים מיט'ן זיך מטפל זיין מיט א ריכטיגע מת מצוה ל"ע

היינט פארמיטאג האט זיך אין קרית יואל אפגעשפיעלט א ריכטיגע קידוש-שם-שמים סצענע ווען עס איז ערשינען הרב אייזיק לידער הי"ו פון די אנפירער פון די חסד של אמת ארגענעזאציע פארנט

פון ביהמ"ד הגדול מיט א נפטר א מת מצוה אין זיין אויטא און אפעלירט פאר הילף.

די מעשה גייט צוריק מיט עטליכע חדשים ווען דער נפטר ר' דוב בן אליעזר הכהן לאנדער ע"ה איז ל"ע אוועק נישט איבערלאזנדיג קיינע קינדער ל"ע, און בלויז א נישט פרומע ברידער ר"ל.

ווען די עסקנים האבן זיך דערוואוסט דאס שרעקליכע אז דער ברידער האט צו יענע צייט פאראדרעגט אז דער נפטר זאל ל"ע פארברענט ווערן, האבן זיי זיך זאפארט אריינגעווארפן אין די הייליגע ארבעט און באלד אריענטירט א געניטן לויער וועלכער האט געקריגט פאר די רעכטן פונעם אידישן בר-מינן צו קענען קומען לקבר ישראל.

מיט ארום דריי וואכן צוריק איז שוין ענדליך געלונגען ארויפלייגן דעם נפטר אויף א פליגער וועלכער האט אים געזאלט פירן קיין ניו יארק, ווען דער ברידער האט זיך דערוואוסט דערפון האט ער תיכף פאראדרעגט – אלס אייציגער קרוב – אראפצופירן דעם נפטר פונעם פליגער און פירן צום ארט פארברענט צו ווערן ח"ו.

די עסקנים האבן אבער ווייטער געקעמפט און נאך א געריכטליכע קריג איז ב"ה געלונגען צו געווינען און באקומען די פולע רעכטן איבערצונעמען דעם נפטר און אים ברענגען לקבר ישראל כדת וכדין.

היינט אינדערפרי' איז דער נפטר אנגעקומען אויף ניו יארק, אבער נאכדעם וואס די געריכטליכע פראצעדור האט אריינגעשלעפט אין הוצאות פון עטליכע טויזנט דאללאר, האט דער ענערגישער עסקן הרב אייזיק לידער הי"ו פארשפראכן פאר די לויער'ס אז בעפאר די קבורה וועט ער נאך בעזהשי"ת אפירקומען מיט דאס גאנצע געלט.

אומר ועושה, הרב אייזיק הי"ו האט זיך א לאז געטאהן מיט'ן נפטר אין וועג קיין עיר הצדק קרי' נאמנה קרית יואל ווי ער האט זיך געשטעלט מיט'ן אויטא פארנט פון ביהמ"ד הגדול און אפעלירט פאר די נויטיגע פאנדן וועלכער איז טאקע געשאפן געווארן אין אייניגע מינוטן, און באלד דערויף האט מען באגלייט דעם נפטר ע"ה וועלכער איז דערנאך געפירט געווארן אויף ליבערטי, ניו יארק ווי ער איז געקומען לקבר ישראל המנוחה נכונה אין די חלקה פון חסד של אמת.

***-מי כעמך ישראל-***

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.